# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**מהדורת אחת שאלתי**

**לע"נ הרה"ח ר' חיים שמואל מאיר ב"ר יצחק פינחס וואלהענדלער ז"ל**

נלב"ע כ"ב שבט תשע"ב לפק

## פרשת תרומה

# א איד איז א באזונדערע מציאות

**פרנס השבוע**

נדבת השבוע נתנדב

**לזכות כל הרוצים להתקרב לעבודתו יתברך שמו,**
**ובפרט בענייני שמירת העיניים!**

◆◆◆

זיכוי הרבים יעמוד לכל הנדבנים החשובים, ומשתתפים בהדפסה, והפצה, שיזכו לראות רב נחת מכל יוצ"ח ולהתברך בכל מילי דמיטב.

רב אביגדור מיללער'ס

# Marriage Insurance

יסודות'דיגע שיעורים אויף
**בנין בית נאמן בישראל**
געבויט אויף די קלארע און לויטערע תורה השקפה פון
הרה"צ ר' **אביגדור מיללער** זצוק"ל



פארגעלערנט דורך
**הרב פינחס וואלהענדלער שליט"א**
יו"ר ארגון תורת אביגדור

**לעצטע געלעגנהייט פאר ווינטער תשפ"ב!!**
**טעלע-קאנפרענס דעם קומעדיגען מאנטאג תצוה**

בהסכמת גדולי הרבנים

פלעצער זענען באגרעניצט, רופט שוין:
(732) 844-3670 ext. 4
RavMillerMarriage@gmail.com


בשריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש


© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*



**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת תרומה

שנה ג׳

# א איד איז א באזונדערע מציאות

תוכן:

חלק א. מיר זענען הייליג - חלק ב. ער איז הייליג - חלק ג. קונה זיין הייליגקייט

## חלק א. מיר זענען הייליג

### פיל משכן׳ס

יעדער ווייסט פון די הבטחה וואס דער באשעפער האט געגעבן צום אידישן פאלק אין די וואכעדיגע סדרה: **וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ** - און איר זאלט מאכן פאר מיר א מקדש, **וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם** - און איך וועל רוען צווישן זיי (תרומה כה:ח). אלזא, מיר טראכטן נישט צופיל אריין ווען מיר לערנען דאס אין חומש און אזוי פארן מיר אריבער די ווערטער אן צופיל מחשבה אבער אייגנטליך איז דאס א וואונדערליכער ענין. אז די שכינה - דער וואס האט באשאפן די גאנצע וועלט פון גארנישט און זעצט פאר צו אנהאלטן איר עקזיסטענץ - זאל אראפקומען און רוען אינעם לאגער פון דער עם ישראל? דאס איז מורא׳דיג!

אבער דער אמת איז אז דער פסוק זאגט אונז נאכמער א וואונדערליכע זאך ווי דאס! ווייל ווען דער באשעפער האט געזאגט, ״איך וועל רוען צווישן די קינדער פון ישראל,״ האט עס געמיינט פיל מער ווי בלויז דאס, ״איך וועל זיך ארייננציען אינעם משכן און וואוינען דארט צווישן אייך אינדערמיט פונעם לאגער.״ אה ניין! דאס איז בלויז דער אנהייב; ס׳איז פיל מער ווי דאס! ושכנתי בתוכם מיינט: ״איך גיי וואוינען בתוך כל אחד ואחד - אין יעדן איינציגן פון די בני ישראל.״

דאס מיינט, אז אויסער פון וואוינען אינעם משכן איז די אנוועזנהייט פון די שכינה אינעם לאגער פון די אידן געווען א צייכן פון די קדושה וואס רוהט אין יעדן איינעם פון אונז.

### יעדער איז הייליג

ווי אזוי ווייס איך דאס? איך זאג דאס מיט׳ן אויטאריטעט פון א געוויסער מענטש. ווען איך וועל אייך זאגן זיין נאמען וועט איר אפשר טראכטן אז ער איז נישט קיין אויטאריטעט וואס

איז ווערד אים נאכצוזאגן. אבער איך טראכט אז ער איז זייער א גרויסער אויטאריטעט. ער איז געווען זייער א גרויסער תלמיד חכם, א געוואלדיגער גאון און אן אויסערגעווענליכער בעל מחשבה. איז פארוואס האב איך געזאגט אז איר ווען אפשר האלטן אז ער איז נישט ווערד מ'זאל אים נאכזאגן? ווייל דאס איז נישט קיין אנדערער ווי קרח! קרח איז געווען זייער א גרויסער מענטש - ער איז געווען אלעס וואס איך האב געזאגט איבער אים און נאך פיל מער און מיר דארפן פארזיכטיג אויסהערן זיינע רייד.

איר געדענקט אודאי ווען ער האט פראבירט צו איבערערעדן משה רבינו איבער די גערעכטיגקייט פון זיין טענה, האט ער געזאגט אזוי: **כִּי כָל הָעֵדָה כֻּלָּם קְדֹשִׁים** - דאס גאנצע פאלק, יעדער איינציגער פון זיי איז הייליג, **וּבְתוֹכָם ה'** - און אין זיי רוהט דער באשעפער!

אלזא, וואס האט קרח געזאגט פאר משה, "דער באשעפער איז אין זיי! צי האסטו געמיינט אז נאר אינדערמיט פון זייער לאגער איז דא א משכן?"

פארוואס האט ער דאס געפרעגט? ווי אזוי וואלט אים דאס געהאלפן צו זיין וויכוח? קרח האט געפרעגט פון משה, "פארוואס נעמסטו פאר זיך די גאנצע אויטאריטעט? דו נעמסט פאר זיך אלע חשוב'ע פליכטן - דו ביסט דער מנהיג, דער מלך, און אהרן דיין ברודער איז דער כהן גדול און אונז לאזטו ארויס! מיר זענען אויך עפעס!" איז וואס וועט די שאלה "דער באשעפער איז אין דער משכן," העלפן צו זיינע טענות, דאס איז דאך נישט קיין טענה וואס ווייזט אז ער איז חשוב אדער אז א צווייטער איז חשוב פונקט ווי משה און אהרן.

## א הייליג פאלק

דער ענטפער איז אז קרח רעדט נישט דא פון דער משכן, ער רעדט וועגן די מענטשן! **וּבְתוֹכָם ה'** - "אין יעדן איינעם פון אונז רוהט דער באשעפער." דאס איז די אמת'ע טענה פון קרח: **כֻּלָּם קְדֹשִׁים** - "מיר זענען אלע קדושים. **וּבְתוֹכָם ה'**, ווייל די קדושה פון באשעפער איז אין יעדן איינעם פון אונז! נישט נאר דו און אהרן! יעדער איינציגסטער בן ישראל און בת ישראל איז ווערד דער גרעסטער כבוד ווייל די שכינה וואוינט אין יעדן פון אונז.

אלזא, דאס איז א באגריף וואס איז אפילו זייער שווער צו רעדן דערפון! ס'איז גענוג שווער צו רעדן איבער דעם וואס די שכינה רוהט אין משכן, אבער אז ער רוהט אין אונז?! אז מיר זענען הייליג ווייל זיין הייליגקייט רוהט אין אונז?! עס זעט אויס איבער אונזערע השגות אפילו נאר צו רעדן דערפון. אבער דאס איז פונקטליך וואס עס האט פאסירט צום אידישן פאלק אין אנהייב פון אונזער היסטאריע - מיר זענען נישט נאר געווארן דאס אויסדערוועלטע פאלק נאר אויך דאס הייליגע פאלק.

## פארצייטישע קרבנות

יעדער ווייסט אז פון די ערשטע צייטן פון וועלט באשאף האבן מענטשן אלעמאל מקריב געווען קרבנות. אדם האט מקריב געווען קרבנות - קין און הבל און נח אויך: דאס שטייט קלאר אין די תורה אז זיי האבן געברענגט קרבנות. ווען די מענטשהייט האט נאך געהאט

אביסל שכל - איידער זיי זענען פארדרייט געווארן דורך פארגרעבטע שרייבערס און פיליזאפן וועלכע האבן אוועקגעמאכט די קרבנות - האט יעדער פארשטאנען אז צו ברענגען קרבנות איז אן אופן פון אויסדריקן געטריישאפט צום באשעפער.

און דאך זעען מיר אז די אלע קרבנות דורכאויס די היסטאריע פון די מענטשהייט זענען געווען עולות, פארברענטע קרבנות; דאס מיינט אז א בהמה איז אינגאנצן פארברענט געווארן אויפ'ן מזבח און די רויעך איז ארויף ביז'ן הימל, ווי צו שפייזן, כביכול, דעם באשעפער.

אבער קיינמאל אין די היסטאריע האט נישט פאסירט אז א מענטש זאל עסן פונעם קרבן. עס וואלט געווען א חילול ה' אפילו נאר צו טראכטן פון אזא זאך! אז איינער זאל נעמען פון דאס וואס איז געאייגנט געווארן צו ברענגען אויפ'ן טיש פון באשעפער און ער זאל דאס מגשם זיין דורך ארייגלייגן אין זיין מויל? עס איז אינגאנצן נישט געווען קיין קלער פון אזא זאך!

## א דורכברוך

און דאן איז געקומען די נאכט פון דער קרבן פסח ווען עס האט פאסירט א דורכברוך. אין די נאכט וואס דער באשעפער האט אונז ארויסגעצויגן פון מצרים צו ווערן זיין פאלק האט זיך דאס גאנצע בילד געטוישט. וואס האט פאסירט? מיר זענען באפוילן געווארן צו עסן פונעם קרבן פסח. **וְאָכְלוּ אֶת הַבָּשָׂר** - די בני ישראל מוזן עסן די פלייש פונעם קרבן (שמות יב:ח).

אבער איר זאלט נישט טראכטן אז עס געווען בלויז א מצוה און שוין - איר דארפט פארשטיין וואס עס האט זיך דא געטון. איר ווייסט אז יעדער קרבן פאדערט אז א טייל פון די אינערליכע חלקים, טייל פון די פעטנס, דארפן פארברענט ווערן אויפ'ן מזבח. עס איז נישטא אזא זאך ווי א קרבן אן דעם - וואספארא סארט קרבן קען דאס שוין זיין אויב עס איז נישטא קיין פייער וואס גייט ארויף צום באשעפער? און דאך, אין מצרים אין די נאכט פון פסח, זעען מיר נישט אז זיי האבן דאס געטון - עס איז נישט געווען קיין מזבח! און דאס איז א גרויסער וואונדער. ווי אזוי קען דאס זיין אזא זאך ווי א קרבן פסח אויב עס איז נישטא קיין פלאץ וואו צו פארברענען די פעטנס?

און דער ענטפער איז - ס'איז גאנץ וואונדערליך, דערפאר לייגט גוט צו אויפמערקזאמקייט - ווען זיי האבן ארייגעלייגט דעם קרבן אין זייערע מויל, איז דאס געווען דער מזבח. ווען א איד עסט א קרבן איז עס פונקט ווי די פייער אויפן מזבח פארברענט עס! און דאס איז דער ענטפער צו ווי אזוי עס קען זיין אזא זאך אין די שפעטערע דורות, עפעס וואס האט קיינמאל פריער נישט פאסירט, אז א מענטש עסט פון א קרבן. ווייל א איד איז נישט קיין מענטש! ער איז פיל העכער ווי א מענטש! א אידישער גוף איז קודש קדשים. ווייל זיי האבן געגעסן פונעם קרבן פסח, איז דאס געווען דער מזבח, ס'איז געווען א פייער פון א אידישער גייסט וואס נעמט אריין דעם קרבן פסח אין זיין קערפער.

## הייליגע קערפערס

אלזא, פון אזא באגריף איז מורא'דיג שווער אפילו נאר צו רעדן דערפון אבער אט איז עס,

שווארץ אויף ווייס: מיר זענען באפוילן געווארן צו לייגן דעם קרבן פסח אין אונזער מויל און עס צעקייען און עס אראפשלינגען ווייל מיר זענען אצינד דער מזבח. ס'איז א מערקווירדיגע זאך! פונקט ווי דער מזבח איז באטראכט געווארן ווי קודש קדשים, איז דער גוף פון א איד גארנישט ווייניגער הייליג.

אבער נישט נאר איז עס ווי א מזבח - דער אידישער קערפער איז נאכמער הייליג ווי דער בית המקדש אליין. לאמיר זאגן אז עס פלאצט חלילה אויס א פייער אום שבת אינעם בית המקדש, צי מעג מען אויסלעשן דעם פייער כדי צו ראטעווען דעם בית המקדש? ניין!

אבער לאמיר זאגט אז עס געפינט זיך א אידיש קינד וואס ליגט אין א בעטל, א פארקריפלטע קינד, רחמנא ליצלן, א קראנקע קינד וואס קען נישט לעבן צופיל לענגער, און עס פלאצט אויס א פייער אום שבת וואס שטעלט זיין לעבן אין א סכנה, וואלטן מיר געטון אלעס צו ראטעווען זיין לעבן. מ'מעג אויסלעשן דעם פייער, מ'מעג לויפן צום אפטייק, מ'מעג שרייבן א מעדיצין רעצעפט, מ'מעג קאכן פאר אים, מ'מעג טון אלעס וואס עס פעלט אויס צו קענען דערהאלטן זיין לעבן.

## אן איינציג פאלק

זעען מיר אז א אידיש לעבן איז הייליגער ווי דער גאנצער בית המקדש מיט'ן מזבח און אלע צוגעהערן; מיט די לוחות, און דער ארון הברית און אלע אנדערע זאכן - קיין זאך איז נישט אזוי הייליג ווי א אידישער קערפער. ווילאנג א איד לעבט און ער פארמאגט אין זיך א חלק אלוק ממעל, דער טייל פון באשעפער, איז קיין זאך נישט הייליגער ווי אים. מיר זענען נישט בלויז נאך א פאלק; מיר זענען א גענצליך אנדער מציאות אין די וועלט. דער איד איז אפגעטיילט געווארן פון אלע פעלקער פון די וועלט און איז געווארן א גאנץ אנדערער סארט מציאות.

**מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד בָּאָרֶץ** - ווער איז אזוי ווי דיין פאלק ישראל, אן איינציג פאלק אין די וועלט - דאס מיינט נישט בלויז אן אויסדערוועלטע פאלק, דאס מיינט אז מיר זענען דאס איינציגסטע פאלק, אינגאנצן אנדערש ווי אלע אנדערע. איר פעלקער פון די וועלט, אייערע קערפערס זענען נישט הייליג. איר קענט אפשר אמאל האבן מענטשליכקייט, פארוואס נישט? יעדער מענטש האט די פעאיגקייט זיך צו פירן מענטשליך; יעדער האט א גרויסע זעל אין זיך אויב מ'ניצט עס ריכטיג, אבער דער באשעפער האט געמאכט רוען זיין שכינה נאר בתוכם, נאר אין דאס אידישע פאלק און דערפאר איז אפילו דער קערפער פון יעדן איד אצינד קודש קדשים.

## עסן כשר'ס

און אריינגערעכנט אין דעם ענין איז, אז אונזערע קערפערס זענען געווארן הייליג. דערפאר, פון יעצט אנגעהויבן, קענען מיר נישט אריינלייגן אין אונזערע מיילער סיי וואס, נאר אויב עס איז ערלויבט אין די תורה. פונקט ווי דו קענסט נישט לייגן קיין קרבן אויפ'ן הייליגן מזבח נאר

אויב דער קרבן איז מותר על פי תורה, איז גארנישט אנדערש מיט אונזערע קערפערס. דאס איז וואס די תורה (דברים יד:כא) זאגט: **כִּי עַם קָדוֹשׁ אַתָּה לַה' אֱלֹקֶיךָ** - ווייל דו ביסט א הייליג פאלק צום באשעפער דיין באשעפער, און דערפאר, **לֹא תְבַשֵּׁל גְּדִי בַּחֲלֵב אִמּוֹ** - טארסטו נישט עסן פלייש מיט מילך צוזאמען.

אויך אין אנדער ערטער שטייט עס: דו טארסט נישט עסן קיין נבילה ווייל דו ביסט הייליג (שם.). דו טארסט נישט עסן קיין טריפה ווייל דו ביסט הייליג (שמות כב:ל). דו קענסט נישט אריינלייגן אין דעם הייליגן פלאץ פון דיין קערפער עפעס וואס ווערט באטראכט אלס נישט הייליג. און דערפאר דארף א איד וויסן אז ווען ער טוט אפהיטן די הלכות פון כשרות, איז דאס ווייל ער איז הייליג; ווייל ער איז א מקום קדוש קען ער נישט אריינלייגן עפעס וואס איז אומריין אין די הייליגע וואוינונג.

אלזא, די מושגים קענען זיך הערן איבערגעטריבן ווען עס ווערט געהערט צום ערשטן מאל, דאך, דאס איז תורה און דאס איז ווי אזוי דער באשעפער ערווארט פון אונז זיך צו פירן ווי ווייט מעגליך און מיר דארפן טראכטן איבער דעם וויפיל מיר קענען. און ווי מער מיר וועלן דאס טון, אלס מער וועלן מיר געניסן פון די ווערטער 'ושכנתי בתוכם' און פון די קדושה וואס מיר פארמאגן אין זיך.

# חלק ב. ער איז הייליג

## דאנקען אויף וואס?

אלזא, דאס צו ערקלערן אביסל בעסער, וועלן מיר אריינקוקן אפאר מינוט אין שמונה עשרה. איר ווייסט אז אלע ברכות אין די עמידה זענען אויסדרוקן פון דאנק. דאס איז וואס **'ברוך אתה'** באדייט: "איך בייג מיינע קניען אין דאנק צו דיר."

די ערשטע ברכה איז צו דאנקען דעם באשעפער פאר זיין א באשיצער פון אברהם און זיינע קינדער. די צווייטע ברכה, מיר דאנקען אים פאר תחיית המתים. ס'איז א לאנגע רשימה - ניינצן מאל 'איך דאנק דיר'. רופא חולי עמי ישראל, מיר דאנקען אים פאר אונז געבן געזונט. ברוך אתה ה' מברך השנים - מיר דאנקען דעם באשעפער אז ער בענטשט די ערד און געבט אונז גערעטעניש און שטעלט צו פרנסה. אזוי דריקט יעדע ברכה אויס א דאנק אויף עפעס.

נאר איין ברכה איז דא וואס מיר פארשטייען נישט: **בָּרוּךְ אַתָּה ה' הָקֵל הַקָּדוֹשׁ** - דו ביסט הייליג באשעפער און מיר דאנקען דיר אז דו ביסט אזוי הייליג. אלזא, אויב דאנקען מיר דעם באשעפער אויף דעם, פארשטייען מיר אז מיר זענען דאנקבאר פאר עפעס א פארדינסט וואס מיר באקומען פון אים. ס'איז אבער אינטערעסאנט. וואס איז דער צוועק פון דאנקען דעם באשעפער ווייל ער איז הייליג?

איז דאס נישט א שאד - מיר זאגן עס דריי מאל א טאג און מיר פארשטייען נישט אויף וואס מיר דאנקען! דו שטייסט אויף פרי צו לויפן אין שול - צומאל איז נאך טונקל אינדרויסן - און דערנאך נאכאמאל נאכמיטאג און ווידעראמאל ביינאכט, און דו הייבסט אפילו נישט אן

צו וויסן וואס דו זאגסט. "איך דאנק דיר פאר זיין דער קל הקדוש," אבער דו ווייסט נישט אויף וואס דו ביסט דאנקבאר.

## דער גרעסטער שלימות

אלזא, אויב ווילן מיר דאס פארשטיין, איז די ערשטע שאלה וואס מיר דארפן ענטפערן, וואס מיינט דאסווארט קדוש? וועלן מיר זאגן אז דאס ווארט קדוש מיינט, " שלימות'דיג".

וואס מיינט "דער שלימות'דיגער באשעפער"? סיי וואספארא גוטס עס קען געזאגט ווערן אויף די וועלט, סיי וואספארא גוטס וואס קען געפינען ווערן אויף די וועלט, אלע גוטס ליגט אין דעם באשעפער. דער מערסטער שלימות'דיגער שטאפל פון חכמה און דער מערסטער שלימות'דיגער שטאפל פון מאכט און חסד און אלעס אנדערש, דאס אלעס ליגט ענטהאלטן אין דעם באשעפער'ס שלימות.

דער אמת איז אז דאס צו זאגן נעמט אראפ פון די גדלות פון באשעפער ווייל דער באשעפער שטייגט איבער יעדער סארט שלימות וואס מיר האבן די מעגליכקייט צו געפינען אין די וועלט; ער איז ענדלאז אין זיין שלימות ! אבער וואס קענען מיר טון? מיר דארפן ניצן א שפראך וואס מענטשן ניצן; מיר קענען נישט רעדן מיט קיין אנדער שפראך ווי אונזער שפראך, דערפאר, דאס בעסטע וואס מיר קענען טון איז צו זאגן אז קודש מיינט " שלימות'דיג".

אויב הערט איר דעם שיעור בלויז דאס צו הערן, גלייב איך אז אלע אנשטרענגונג דערצו איז ווערד געוועזן. און איר קענט עס גלייך אנהייבן צו ניצן. גרייט זיך פון פאראויס צו די קומענדיגע תפילה - און ווען איר זאגט די דריטע ברכה, פארפאטשקעט נישט די ברכה מיט זאגן ווערטער אן קיין אינהאלט; כאטש ביי איין תפילה טראכט אריין וואס דאס באדייט. אתה קדוש מיינט, "דו ביסט דער גרעסטער שלימות , באשעפער. דו ביסט אזוי שלימות'דיג אז גארנישט - נישט נאר פון וואס מיר ווייסן, נאר קיין שום זאך פון וואס מיר קענען זיך אפילו פארשטעלן - וועט קיינמאל נישט צוקומען צו אפילו א האר פון דיין שלימות. אלעס אין די וועלט איז באגרעניצט; אלעס האט שוואכקייטן און פעלערס, אבער דו באשעפער ביסט איינער וואס איז אינגאנצן בלויז שלימות."

## דער מקור פון אונזער שלימות

זייער גוט! איז ווייסן מיר יעצט וואס די ווערטער מיינען אבער דאך קומען מיר צוריק צו אונזער ערשטע שאלה: ס'איז ריכטיג, דו ביסט הייליג, דו ביסט זייער הייליג, ענדלאז הייליג אבער אויף וואס דאנקען מיר? "דו, באשעפער, ביסט שלימות'דיג," קען זיין א באדייטפולע נושא פאר נקודה למחשבה - זיכער איז עס א וויכטיגער יסוד וואס באלייכט די מח - אבער עס זעט אויס צו אונז אז ס'איז נישטא וואס צו זיין דאנקבאר דא. אויף וואס דאנקען מיר?

דער ענטפער איז, אז די גרויסקייט פון באשעפער דאס מאכט אונז גרויס! ווייל דער באשעפער האט אונז אויסגעוועלט צו אריינגעבן אין אונז זיין קדושה, דאס מיינט אז לויט דעם באשעפער'ס שלימות , פארעמט זיך דאס שלימות פון דאס פאלק וואס ער האט אויסגעוועלט. און דערפאר זאגן מיר, "ברוך אתה ה', מיר דאנקען דיר באשעפער פאר זיין הקל

הקדוש, דער גרעסטער שלימות וואס איז פארהאן, ווייל אט דער גאנצער שלימות איז משפיע אויף אונזער גרויסקייט. מיר דאנקען אים אויף ושכנתי בתוכם, פאר לייגן אין אונז אן ענדלאזע גרויסקייט צו וואס קיין שום פאלק קען אפילו נישט נאנט קומען; פאר א גרויסקייט וואס טוט אפשפיגלען פון אים אויף אונז.

## געראטן אין אונזער טאטן

דערפאר ווערן מיר גערופן זיינע קינדער, ווייל קינדער זענען געראטן אין זייערע עלטערן. **בָּנִים אַתֶּם לַה' אֱלֹקֵיכֶם** - "איר זענט מיינע קינדער," זאגט דער באשעפער צו אונז. אלזא, דער אויסדרוק איז א הערליכער אויסדרוק. אודאי היינט דערהערט זיך נישט דער טיפער באדייט דערפון ווייל אין אמעריקע זענען מיר געוואוינט צו זאגן, "מיר זענען אלע קינדער פון באשעפער." דערפאר קומען זיך די רעפארמער צוזאם מיט די NAACP (ארגאניזאציע צו אפשטעלן די אפטיילונג פון קאלירטע ראסן), ווייל זיי זאגן, מיר זענען אלע קינדער פון ג-ט. אבער דאס איז לעכערליך! דאס איז נישט תורה. איר, דער עם ישראל, זענען קינדער פון באשעפער און מאכט נישט קיין טעות מיט דעם. עס גייט אונז נישט אן וואס די וועלט זאגט, מיר האלטן זיך צו די תורה. "איר זענט מיינע קינדער און קיינער אנדערש."

און קינדער זענען געראטן אין זייערע עלטערן, ווייסט איר. ווען די עלטערן זענען מער אריסטאקראטיש, זענען די קינדער אויך מער אריסטאקראטיש. ווען די עלטערן זענען מער טאלאנטפול, זענען אויך די קינדער מער טאלאנטפול. און ווער זענען מיר? מיר זענען קינדער פון דער איינציגער וואס איז שלימות. אויב דו ביסט אונזער פאטער און מיר זענען דיינע קינדער, דאס מיינט אז מיר זענען באשאנקען מיט א טייל פון דיין שלימות. און ווי מער פארפולקאמט דו ביסט, אלס מער איז אויך אונזער שלימות.

## אפגעטער קארוקאטורן

דערפאר זענען מיר אזוי דאנקבאר! להבדיל אלף אלפי הבדלות, די גוים פראבירן צו רעדן פון די גרויסקייט פון זייערע פאלשע אפגעטער. די קריסטן פארדרייען אין זייער בייבל די פסוקים פון תנ"ך וואו זייער טמא'נער יאשקע נעמט די גרויסקייט פאר זיך אבער דאס איז אלעס פאלש און א שרעקליכער בזיון. עס איז נישטא קיין גאט אזוי ווי אונזער ג-ט. אונזער ג-ט איז איינציג און ער איז פארפולקאמט און ער בלייבט אויף אייביג - ער שטארבט קיינמאל. מיר דינען נישט צו קיין אפגאט וואס איז שוין געשטארבן. דאס איז גאר א וויכטיגע באטאנונג, ווייל אויף א גאט וואס איז שוין געשטארבן דארף מען אלס פרישע באבע מעשיות פון ווי אזוי ער וועט צוריקקומען - אבער דאס אליין ברענגט ארויס זיין גאנצע פאלשקייט.

## דער פופעט נביא

וועט מען דערציילן פון מוחמד אז זיין גאט איז נישט געשטארבן - אבער דער אמת איז אז ער איז אויך קיינמאל נישט געבוירן געווארן. ווייל ווען מיר נעמען אין באטראכט מוחמד'ס גאט פארשטייען מיר אז באמת האט מוחמד געהאלטן א גרויסער פופעט. ער האט געהאט א

גרויסער פופעט דאל (שפיל-קינד) מיט'ן נאמען אלא און דער דאל האט אלעס געזאגט וואס מוחמד האט געוואלט ער זאל זאגן. מוחמד איז נישט געווען קיין נביא - ער איז געווען א פופעט רעדנער(ventriloquist); ער האט פשוט געווארפן זיין קול דורך אלא'ס מויל. נאך אלעם, איז דער קוראן דאס וואס עס הייסט אז אלא האט גערעדט. מוחמד האט געשוואוירן ביי זיין ארעם אז יעדעווארט קומט פון אלא וואס רעדט ארויין אין זיין מויל. "מוחמד! עס איז נישטא קיין נביא ווי מוחמד," האט אלא געזאגט. אבער דאס אלעס איז פאנטאזיע און שקר; דער פופעט רעדנער האט געלייגט די רייד אינעם מויל פונעם פופעט.

מוחמד האט זיך אליין ארויסגעוויזן צו זיין איינער פון די גרעסטע שקרנים וואס האט אמאל געלעבט, אויסער דאס וואס ער איז געווען איינער פון די גרעסטע זעלבסט בארימער. אצינד, מיינט נישט אז איך זאג דאס בלויז ווייל איך בין א איד. דאס קען מען קלאר אויפווייזן, איך האב א קוראן וואס איך האלט אין בית הכסא - איר זאלט דאס נישט נאכטון איך האב באקומען א ספעציעלע היתר - און איך קען אייך ווייזן פיל פעלער ווי דער דאזיגער מענטש האט געזאגט ליגנט מיט זיין מויל; ער איז אויך געווען אומווערדיג! און עס איז א שאנדע אז ער איז געווען א גרונדער פון א רעליגיע.

## די מתנה פון קדושה

מיר דינען נישט צו קיין שום פופעט אפגעטער אדער טויטע אפגעטער. דער אלקי ישראל איז דער שלימות פון אלע גוטע קוואליטעטן - עס איז נישטא קיינער אין די וועלט וואס האט א ג-ט מיט א שלימות ווי **ה' אלקי ישראל**. און ווי מער פארפולקאמט ער איז, פארמערט עס די שלימות פון אונזער פאלק.

און דערפאר זאגן מיר **בָּרוּךְ אַתָּה ה' הָקֵל הַקָּדוֹשׁ**; מיר דאנקען דיר אויף דעם. מיר זאגן "א דאנק באשעפער פאר'ן זיין אזוי שלימות'דיג, ווייל ווי גרויס דו ביסט איז דאס משפיע אויף אונזער גרויסקייט." מיר זענען זיין פאלק, און אויב ער איז הייליג זענען מיר הייליג; אויב איז ער א מיליאן מאל הייליגער, אזוי זענען מיר אויך אזויפיל הייליגער ווי אנדערע פעלקער.

אצינד הייבן מיר אן צו פארשטיין כאטש עפעס איבער די דאנקבארקייט וואס מיר האבן צום באשעפער אויף זיין קדושה; ס'איז א געוואלדיגע מתנה, איינע פון די בעסטע זאכן וואס דער באשעפער האט אונז געגעבן - **ושכנתי בתוכם**, אז ער האט אריינגעלייגט אין אונז עפעס פון זיין קדושה, כביכול - און מיר קענען זיין ענדלאז גרויס.

## זיין קדושה שטייט העכער

אלזא, וואס דאס באדייט מוז ווארשיינליך ערקלערט ווערן ווייל מיר וועלן קיינמאל נישט פארשטיין וואס דער אומבאגרעניצטער שלימות פון באשעפער ענטהאלט. דאס גאנצע וואס מיר קענען זאגן איז אז ער פארמאגט א גרויסקייט און כבוד וואס איז ענדלאז. ער האט חכמה וואס איז ענדלאז. ער האט יעדער סארט שלימות און זיין שלימות איז ענדלאז. און ווייל דער באשעפער איז בלי גבול ובלי תכלית, ווייל ער איז ענדלאז גרויס, איז וואס ער לייגט אריין אין

דער עם ישראל דורך ושכנתי בתוכם, איז אויך ענדלאז.

איר קענט מיינען אז דאס איז איבערגעטריבן, אבער לייגט צו אויפמערקזאמקייט צום פאלגענדן פסוק וואס זאגט, **קְדֹשִׁים תִּהְיוּ** - איר זאלט זיין הייליג, **כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי** - ווייל איך בין הייליג (ויקרא יט:ב). זאגט דער מדרש, **יכול** - איר קענט טראכטן כקדושתו, אז א איד קען זיין אזוי הייליג, אזוי שלימות'דיג, ווי דער באשעפער, **תלמוד לומר כי קדוש אני** - לערנט אונז דער פסוק, ווייל הייליג בין איך, **קדושתי למעלה מקדושתכם** - מיין הייליגקייט איז העכער פון אייער הייליגקייט.

איר הערט אזא זאך?! אזא הווה אמינא?! יכול! איך קען טראכטן צו זאגן אז אפשר זענען מיר קדוש פונקט ווי דער באשעפער איז קדוש! ווער וואלט געקענט טראכטן פון אזא זאך?! אבער עס שטייט דארט אז דער עם ישראל איז אזוי הייליג אז דער באשעפער האט געהאלטן פאר וויכטיג צו זאגן אז ער איז העכער ווי אונז.

## ענדלאזע פאטענציאל

דאס מיינט אז יעדער איד האט אזא פאטענציאל און גרויסקייט, אז אויב מיר וואלטן געקענט פארשטיין ווער ער איז באמת, וואלטן מיר געווען אזוי איבערראשט, מיר וואלטן געטראכט אז עס איז די געטליכקייט אליין! נישט קיין חילוק ווי אזוי איר טוט זיך אויס'משל'ן די פאטענציאלע שלימות וואס ליגט באהאלטן אין יעדע אידישע נשמה, איז עס א מציאות! עס איז דא אזויפיל קדושה דארט, אז עס איז דא א מעגליכקייט מיר זאלן טראכטן, כקדושתו, ס'איז גלייך צו די הייליגקייט פון באשעפער. דערפאר קומט דער באשעפער און זאגט, "ניין, איך בין העכער פון אייך. איר זענט אומבאגרעניצט הייליג, אבער איך בין עפעס נאך גרעסער ווי דאס."

דאס מיינט נישט אז דו ביסט שוין שלימות'דיג, נאר  אז דו פארמאגסט אין דיין נשמה א מעגליכקייט פאר ענדלאזע שלימות. ושכנתי בתוכם מיינט אז א איד האט אין זיך א פאטענציאל פאר גרעניצלאזע איידלקייט, גרעניצלאזע כבוד, גרעניצלאזע חכמה און גרעניצלאזער שלימות. קיינער וועט אודאי נישט לעבן גענוג לאנג צו ארויסברענגען פון זיך די אלע כוחות פון קדושה וואס ליגן באהאלטן אין זיין נשמה, אבער ווילאנג דו לעבסט האסטו די מעגליכקייט צו ארויסברענגען די אפשפיגלונג פון דעם באשעפער'ס גרעניצלאזער שלימות. און דאס איז אזא קדושה, אז אויב וואלטסטו געקענט לעבן אויף אייביג וואלטסטו געהאט די פעאיגקייט פון ארויסברענגען ענדלאזע גרויסקייט.

# חלק ג. קונה זיין קדושה

## ווער איז הייליג?

אלזא, איידער מיר גייען ווייטער דארפן מיר מאכן סדר און פארשטיין אז צו זיין קדוש מוז נישט מיינען אז דו ביסט א הייליגער מענטש וואס פראוועט תעניתים. עס מיינט נישט בלויז א

מענטש וואס קליידט זיך ווי א צדיק אדער זאגט אסאך תהלים. דאס אויך, אבער וואס קדוש טוט פאקטיש מיינען, איז א מענטש וואס וויל שטייגן אין שלימות. "קְדֹשִׁים תִּהְיוּ," זאגט דער באשעפער, "יעדער פון אייך זאל זיך מאכן מער און מער הייליג, **כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי**, ווייל איך בין הייליג. דאס מיינט, אז איך וויל זען יעדער פון אייך זאל ארויסברענגען פון זיך וואס מער פון די גרויסקייט וואס איך האב אנגעלאדנט אין אייך."

וואס טוט דער באשעפער אונז צו העלפן צו אנערקענען אביסל פון זיין גרויסקייט למעשה? נאך אלעם, האט ער באשאפן די וועלט און ער האט עס באשאפן פאר אונז און דערפאר פארשטייען מיר אז די וועלט איז אזוי אויסגעשטעלט געווארן אונז צו געבן ענדלאזע מעגליכקייטן. און ווילאנג מיר ווילן נאכאנאנד זיין וואכזאם צו אונזערע מעגליכקייטן, וועלן מיר קענען ארויסברענגען די ענדלאזע קדושה - נאר מיר מוזן טאקע זיין וויליג צו קאאפארירן מיט זיין פלאן און אויסניצן די געלעגנהייטן.

## א וועלט פון נסיונות

דער מסילת ישרים זאגט, "**כל עניני העולם נסיונות הם** - אלעס אין די וועלט איז מיט'ן ציל אונז צו פרואוון." כל עניני העולם מיינט נישט געוויסע זאכן; '**כל**' איז אלעס. א מאן איז א נסיון פאר א ווייב, א ווייב איז א נסיון פאר א מאן. קינדער זענען נסיונות. עלטערן זענען נסיונות. שכנים זענען נסיונות. דער וועטער איז א נסיון. די זון איז א נסיון. די לבנה איז א נסיון. דער גאס איז א נסיון. עס איז נישטא קיין זאך אין די וועלט וואס איז נישט א נסיון.

אלזא, דאס דארף ערקלערט ווערן, ווייל פארוואס דארף דער באשעפער די אלע נסיונות? א קעמיסט דארף מאכן פרואוואונגען. דאקטוירים דארפן מאכן פרואוואונגען. זיי ווייסן נישט אויב זיי מאכן נישט קיין פרואוואונגען און אפילו נאך וואס זיי מאכן פרואוואונגען ווייסן זיי נישט צופיל. אבער פארוואס דארף דער באשעפער פרואוואונגען? ער ווייסט שוין אלעס! כאטש מיר האבן א בחירה, ערקלערט דער רמב"ם אז דער באשעפער ווייסט שוין סייווי דער צוקומפט. דאן וואס איז דער צוועק פון די אלע נסיונות?

דער ענטפער איז, א נסיון באדייט נישט א פרואוואונג. מיר רופן עס א פרואוואונג אבער דאס ווארט 'נסיון' קומט פונעם ווארט נון, סמך; **נס** - צו אויפהייבן. נס מיינט א פאן, עפעס וואס איז אין דער הייעך. **וְהָאֱלֹקִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם** (בראשית כב:א) מיינט, 'דער באשעפער האט אויפגעהויבן אברהם דורך א נסיון'. דורך מאכן א נסיון פאר די מענטשן, ברענגט דער באשעפער ארויס די גרויסקייט וואס ליגט באגראבן אינעווייניג אין אונזערע נשמות; די נסיונות ברענגען ארויס פון אונז די פאטענציאלע קדושה אין אן אופן וואס שטייגט פיל מער איבער דאס וואס מיר האבן פריער פארמאגט.

## א וועלט פון געלעגנהייטן

איז אלזא לערנען מיר אצינד אז אלעס וואס פאסירט איז מיט'ן ציל צו ארויסברענגען די שלימות וואס איז באהאלטן אין דיר. אודאי נעמט עס אביסל מחשבה, אביסל הכנה, צו זען ווי

אזוי דו קענסט קונה זיין שלימות פון די פאסירונג אדער פון יענער חפץ אדער די געשעעניש אבער עס זענען אלעמאל דא געלעגנהייטן אין אונזער לעבן צו ארויסברענגען פון זיך גרויסקייט.

וויפיל געלעגנהייטן? זיי זענען ענדלאז! קינדער קענען ניצן זייערע עלטערן און עלטערן קענען ניצן זייערע קינדער. עלטערן זענען א געוואלדיגע געלעגנהייט פאר שלימות פאר קינדער. ווען קינדער מאכן זיכער צו מכבד זיין זייערע עלטערן ווי עס דארף צו זיין און אפילו ווען די עלטערן זענען נישט דארט טראכטן זיי פון זיי, ווערן זיי מער און מער שלימות'דיג.

א איד, יעדער איד, איז א געלעגנהייט פאר דיר. יעדער איד איז א נסיון פאר דיר. ס'איז א שאד אויב דו זעסט א איד פארביי גיין און עס מאכט נישט קיין איינדרוק אויף דיר. א איד איז פארביי געגאנגען! א מאן אדער א פרוי, א אינגל אדער א מיידל, א מקדש איז פארביי געגאנגען; אן ענדלאזע הייליגקייט איז פארביי געגאנגען. איז אלזא, ווען דו זעסט א פרומער איד און דו קענסט ערוועקן אין דיר א געוויסער מאס פון שעצונג צו דער מענטש זאלסטו וויסן אז דו ביסט בייגעשטאנען דעם נסיון. ס'איז א נסיון; ס'איז א פרואוואונג וואס ברענגט ארויס די גרויסקייט פון אינעווייניג אין דיר און דו ווערסט מער און מער קדוש דורכדעם.

## לערנען תורה

פאר א מאן זענען אודאי די ספרים אויף די פאליצעס א נסיון. זיי זענען דא מיט'ן ציל אז מיר זאלן זיי ניצן. ווען מענטשן גייען פארביי און נעמען נישט א ספר, פארפאסן זיי איינע פון די וויכטיגסטע נסיונות אויף די וועלט. צו עפענען א ספר און ליינען די ווערטער, מאכט דיר פאר א קדוש. די הייליגקייט פון דעם ספר קומט פון די אותיות און גייט אריין אין דיין נשמה. צו זאגן די ווערטער איז נאך בעסער. זאגן דברי תורה מיט דיין מויל מאכט דיר זיכער מער קדוש.

אודאי ווען א מענטש לערנט אזעלכע ענינים וואס העלפן אים שטייגן - לאמיר זאגן ער לערנט חובת הלבבות און שערי תשובה און מסילת ישרים, איז נישט קיין ספק אז ער ווערט קדוש. יעדע מינוט שטייגט זיין נשמה העכער און העכער. ער קען אפילו שפירן ווי ער טוישט זיך. ווען איינער פראבירט זיך צו פארבעסערן דורך לערנען, דורך קונה זיין פארשטאנד; דורך לערנען מוסר, אדער דורך ניצן התגברות, איז דאס א דערהייבונג. אודאי איז אויך לערנען הלכות אדער לומדות זייער וויכטיג. סיי וואס עס זאל זיין, זענען ספרים א לייטער פאר א מענטש צו שטייגן צו גרויסקייט.

## די אידישע פאמיליע

אלזא, א פרוי'ס וועג איז נישט א מאן'ס וועג. א פרוי ווערט פארפולקאמט דורך איר פאמיליע. זי ערציעט אירע קינדער און לייגט אריין כוחות אין זיי; נישט נאר כוחות - זי לייגט אריין קדושה אין זיי. א מאמע קען איינגעוואוינען אירע קינדער צו אמונה און יראת שמים, ווי

דוד המלך האט געזאגט אויף זיין מאמע (תהלים קטז:טז). שלמה המלך האט אויך געזאגט אז זיין מאמע האט אים געלערנט (משלי א:ח). יא, אויסער דאס וואס זי האט אים ערצויגן, האט שלמה׳ס מאמע יעדן טאג ארויסגעברענגט פון איר זון מער און מער קדושה. ווייל פרויען האבן ליב קינדער מער ווי מענער, איז א מאמע׳ס ראלע אין איר היים פיל גרעסער ווי פון איר מאן. דורך ערציען די קינדער על פי תורה ברענגט א מאמע ארויס די קדושה ביי אירע קינדער און ביי זיך אליין אין די זעלבע צייט.

א מאן און א ווייב זענען זיכער געוואלדיגע געלעגנהייטן צו קונה זיין שלימות. א מאן און א ווייב שטעלן צו נסיונות איינער פאר׳ן צווייטן א גאנצע צייט און דער ציל איז צו ארויסברענגען מער און מער קדושה דורכאויס די יארן וואס גייען פארביי. עס מאכט זיך אפט אז מענער און פרויען זענען נישט איינשטימיג און דאך פראבירט יעדער פון זיי צו זיין איידל, יעדער פון זיי פראבירט צו רעדן שיין; יעדער פון זיי ניצט התגברות און זיי פראבירן זיך צו בייגן איינער פאר׳ן צווייטן ווי ווייט מעגליך.

ס׳איז נישט גרינג, ס׳איז בכלל נישט גרינג, אבער עס איז נישט קיין ספק אז די שכינה וואוינט אין א שטוב לויט די עבודה פון די איינוואוינער און א לעבנסגאנג פון אזא פירונג מאכט זיי קדוש. ס׳איז נישט לייכט אבער די באלוינונגען זענען ענדלאז גרויס ווייל די שכינה רוהט נישט נאר אין זייער שטוב, נאר אויך אין זייערע קערפערס.

## שטייגן דורך פארגעניגנס

אויך אינדרויסן פון שטוב. איר זאלט וויסן אז די דרויסנדיגע וועלט איז אויסגעשטעלט געווארן אין אזא וועג אונז צו ציען צו געוויסע השגות. דערפאר, ווען דו זעסט א הערליכער טאג, א בלויער הימל, הערליכע ביימער, זאלסטו טראכטן אז דאס איז מיט׳ן ציל צו ערוועקן אין דיר א געוויסע אנערקענונג צו די גרויסקייט פון באשעפער, די חסדי ה׳. ״באשעפער, וואספארא הערליכע וועלט האסטו מיר געגעבן!״ ס׳איז א לעבנס אויפגאבע צו לערנען ווי אזוי צו אנערקענען די גוטסקייט און חכמה פון באשעפער, אין אלעס ארום דיר.

ווען דו זעסט גליק אין די וועלט, ווען דו האסט הנאה פון געוויסע זאכן, ניץ עס צו שטייגן. דו האסט הנאה צו שלאפן? זאג, ״איך דאנק דיר באשעפער פאר מיין גוטער שלאף! איך דאנק דיר פאר מיין קישן.״ דו זאלסט הנאה האבן פון דיין געזונט און דאנקען דעם באשעפער דערפאר. דאס איז אלעס געמאכט געווארן מיט׳ן ציל פון א נסיון; ס׳איז א פראוואונג צו ארויסברענגען די שלימות פון אינעווייניג אין דיר.

## שטייגן דורך מצוות

מצוות! מיר קענען דאס נישט אויסלאזן! זיכער מאכט א מצוה דעם מענטש מער קדוש; יעדעס מאל וואס דו טוסט א מצוה ווערסטו מער קדוש. אן אלטער איד איז מער קדוש פון א יונגער איד. ער האט געטון מער מצוות עס זאמלט זיך אן; די קדושה וואס דו ביסט קונה פון יעדע מצוה ווערט נישט פארלוירן.

דערפאר דאנקען מיר דעם באשעפער, **אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו** - מיר דאנקען דיר פאר'ן אונז געבן די געוואלדיגע מתנה פון ווערן מער קדוש דורך מקיים זיין דיינע באפעלן. מיר זענען פרייליך, מיר זענען דאנקבאר פאר די געלעגנהייטן!

אויב דו ניצט די מזוזה, איז עס א געוואלדיגע צוגאב פון קדושה. גיי נישט סתם פארביי די מזוזה ווי געוויסע מענטשן טוען, נאר געב עס א קוש. טראכט איבער דעם וואס עס ליגט אינעווייניג. ה' אחד! דאס מיינט אז ה' איז אלעס! ער איז דער באשעפער. ער האט געמאכט די וועלט פון גארנישט און ער איז אלקינו, ער איז אונזערס. ער האט פראקלאמירט אז ער געהערט צו דער עם ישראל. דער מייסטער פון די וועלט איז אונזערס! טראכט די מחשבות בשעת דו גייסט פארביי א מזוזה.

ווען דו לייגסט תפילין, טראכט איבער וואס עס ליגט אין די תפילין. דאס איז זייער וויכטיג. און ציצית! נישט נאר ווען דו טוסט עס אן. דו זעסט דיין מאן אדער זון, אפילו א קליין אינגל גייט אויפ'ן גאס, דו זעסט אז ער האט ציצית, טראכט איבער דעם. דאס איז א נסיון פאר דיר און אויב דו טראכסט נישט דערפון פאלסטו דורך דעם נסיון. געב א קוק פון צייט צו צייט אויף די ציצית - דיינס אדער א צווייטנס - און טראכט: **וּרְאִיתֶם אֹתוֹ וּזְכַרְתֶּם** - דו זאלסט זיי זען און געדענקען די מצוות. טראכט פון שעטנז, טראכט פון שמירת הלשון, טראכט פון ריבית. סיי וואס עס זאל זיין, טראכט פון עפעס, ס'איז א גרויסער תפקיד. זיכער, דו ביסט ארומגענומען מיט ציצית אויף אלע זייטן, איז כאטש אביסעלע, אמאל אמאל טראכט דערפון. דאס איז דער ציל. ווייל ווען מענטשן טראכטן די מחשבות, ברענגען זיי ארויס די גרויסקייט פון אינעווייניג אין זיי.

## ערוועקן די גרויסקייט

אלזא, זאלט איר וויסן אז די נושא איז בלויז דער אנהייב; דאס איז נאר א הקדמה צו א זייער געוואלדיגע עבודה פון ווי אזוי צו קונה זיין די שלימות פון ושכנתי בתוכם, ווייל עס איז נישטא קיין ענדע, קיין גרעניץ, צו וואס דו קענסט קונה זיין.

יעדער דארף וויסן אז ער האט אן ענדלאזער אוצר פון שלימות אין זיך און מענטשן וואס לעבן אן דעם צוגאנג פון שטערבן פאר שלימות באגייען איינע פון די טראגישסטע טעותים אין זייער לעבן. אויב דו פראבירסט נישט צו ווערן בעסער נאר דו ביסט צופרידן צו פארזעצן אויף דעם וועג ווי אזוי דו ביסט אלעמאל געווען, איז דאס א טראגעדיע. וואס איז דער צוועק פון פארזעצן צו לעבן אויב נישט פאר דעם ציל פון ווערן בעסער און בעסער?

און דאס איז וואס דער באשעפער ערווארט, ווייל ער האט אריינגעלייגט אין דעם מענטש די ענדלאזע שלימות מיט דעם ציל אז עס זאל גענוצט ווערן. דער באשעפער האט אריינגעאטעמט אין דיר פון זיין קדושה, כדי דורך דיין עבודה צו ארויסברענגען די גרויסקייט פון אינעווייניג, ברענגסטו דעם פאטענציעל צו פאקטישקייט און מיט דעם ביסטו מצליח צו אויפשטעלן אן אייגענער בית המקדש. דו ערוועקסט פון אינעווייניג אין דיר די ענדלאזע קדושה פון באשעפער און ערפילסט דעם געוואלדיגן תפקיד אין לעבן; **וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם.**

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

**שאלה:**

**ווי אזוי קען א מענטש מצליח זיין צו האלטן זיין מויל פארמאכט?**

**תשובה:**

עס ווענדט זיך אין די אומשטענדן. די ערשטע זאך איז אז דו דארפסט טראכטן צו זיך, "וואו איז דער ארט וואו איך בין אין גרעסטן געפאר צו רעדן?" דו רעדסט נישט ווען דו ביסט מיט זיך אליין. איז דארפסטו טראכטן איבער דעם. "ביי וואספארא סארט געזעלשאפט בין איך די מערסטע אויסגעשטעלט צו רעדן?"

לאמיר זאגן אז דו רעדסט די מערסטע ביי די ארבעט. איז פון יעצט, ווען דו גייסט צו דיין ארבעטס ארט מאכסטו אפ ביי זיך אז דו גייסט זיך מאכן א דערמאנונג. נעם ארויס א שטיקל בענדל וואס דו האסט אנגעגרייט פאר דעם צוועק, בינד עס ארום דיין פינגער און קוק נאכאנאנד אויף דעם בענדל זיך צו דערמאנען צו האלטן דיין מויל פארמאכט.

פראביר עס - ס'איז נישט אזוי גרינג. און נאך א שטיק צייט קענסטו אפילו פארגעסן פונעם בענדל דערמאנונג. עס קען זיין אז מיט די צייט וועסטו זיין אזוי צוגעוואוינט דערצו אז דו וועסט קענען קוקן אויפ'ן בענדל און נאך אלץ רעדן. דו דארפסט זיך טרענירן צו רעאגירן צום בענדל. בשעת דו קוקסט אויפ'ן בענדל דארפסטו זאגן צו זיך אזוי: **פִּי כְסִיל מְחִתָּה לוֹ** - דאס מויל פון א נאר איז זיין חורבן (משלי יח:ז). זאג עס צו זיך נאכאמאל און נאכאמאל.

ווער איז א נאר? אויב דו עפנסט דיין מויל ביסטו שוין א נאר. איז פי כסיל - דאס מויל פונעם נאר, מחתה לו - דאס איז זיין חורבן. און אויב דו ווילסט זיך ראטעווען פון דעם, איז האלט דיין מויל פארמאכט. ווען דו רעדסט, ווערט דיין מח צעלאזט און עס גייט אדורך דיין מויל. דורך רעדן פארלירסטו אלעס וואס דו האסט אין דיין מח. דערפאר, מאך זיך עפעס א סימן.

אדער לאמיר זאגן אז דו רעדסט צופיל אינדערהיים - דו ביסט א פרוי און ווען דיין מאן קומט אהיים פון ארבעט הייבסטו אן צו האקן א טשייניק. ער איז מיד און ער וויל זיך אפרוען, איז מאך אפ ביי דיר אז דו גייסט עפעס טון איבער דעם. נעם א גומי און לייג עס ארום דיין דיקן פינגער און מאך אפ ביי דיר אז דו וועסט האלטן דעם גומי אויף דיין פינגער ווילאנג דיין מאן איז מיד. ווען ער וועט זיין גוט אויסגערוט און גרייט אויסצוהערן, דאן קענסטו עס אראפנעמען.

טו עפעס פאקטיש זיך צו דערמאנען. דורך פאקטישע מיטלען קען א מענטש זיך העלפן קאנטראלירן זיין צונג און מצליח זיין זיך צו לערנען צו רעדן נאר וואס איז העכסט וויכטיג. פראביר עס אויס. מען פאדערט נישט דא קיין באצאלט פאר גוטע עצות.